בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ה

396

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
917-589-3382

או שלחו מייל לכתובת
SHMIELMAEB@GMAIL.COM

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶועלְכֶע סָארְט חֲבֵרִים דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן?....................................א
זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער פוּן קְרִיאַת שְׁמַע?..................................ג
דַאוֶּוענֶען פַאר אִידְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ?.......................................ד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר.......................................א
כּוֹלֵל גֶעהַאלְט, נָאר אוֹיב מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ.......................................ב
שְׁמֵייכְל צוּ אַלֶעמֶען, אוּן הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק.......................................ב
אִיז דִי מִלְחָמָה יֶעצְט אִין אִירַאן דִי מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג?.......................................ג
הֶעלְפְן אוּנְזֶער בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶע.......................................ד
אַ גוּטֶע קַבָּלָה אַז דִי אָפֶּערַאצְיֶע זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.......................................ה
שׁוֹין גֶענוּג לֵיצָנוּת אַיינְגֶעזַאפְּט, שׁוֹין צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.......................................ה
בֵּית פֵיגָא יָאר-בּוּךְ.......................................ז
דִי שְׁרֶעק שַׁאדְט דָאס מֶערְסְטֶע.......................................ח
צְנִיעוּת הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי דְרֵיי יָאר.......................................ח
גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַלְס קִינְד.......................................ט
דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ.......................................י
מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ דִי אַכְט יָארְן בֵּית פֵיגָא.......................................י

דֶער מַאן שְׁפִּילְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן..........................יב

אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן..........................יג

וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה אַרוֹיס פוּן דִי צָרָה..........................יד

מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע טֶעג..........................טו

וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת..........................טו

זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן פוּן צַייט צוּ צַייט..........................טז

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן..........................יז

דַאנְק, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מֶער..........................יז

אָנְשְׁמִירְן אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל פוּן דִי שַׁבָּת לֶעכְט..........................יח

זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים..........................יח

בֶּעסֶער זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן וִוי זִיךְ דֶערְנִידֶערְן..........................כ

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה..........................כא

אַסַאךְ צוּקֶער, מַאכְט נִישְׁט גוּט שְׁפִּירְן..........................כא

גֵייִן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן..........................כב

מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, אֲפִילוּ מִיט אַ פִילְטֶער..........................כב

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת..........................כג

מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן מָאוִּיס, קְלִיפְּס, אוּן פַּאדְקֶעסְטְס..........................כד

נִישְׁט לוֹיפְן מִיט שְׁרֶעק אוּן פַּאנִיק..........................כו

דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ..........................כח

שְׁלָאפְן הֶעלְפְּט פַאר גֶעזוּנְטֶע נֶערְוֶוען אוּן פַאר אֱמוּנָה..........................כט

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵייִן מִיט צַדִיקִים..........................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועלְכֶע סָארְט חֲבֵרִים דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר.

אַמָאל זֶעט מֶען אִין דִי בְּרִיוו אַז אוֹיב מֶען הַאלְט זִיךְ נָאנְט מִיט אַבִּיסְל אַ שְׁוַואכֶערֶע חָבֵר, זָאל מֶען בְּלַייבְּן זַיין חָבֵר, אוּן פְּרוּבִּירְן אִים צוּ שְׁטַארְקְן; אָבֶּער צוּמָאל זֶעט מֶען אִין דִי בְּרִיוו: "לָאז אִים אָפּ, עֶר קֶען דִיר נָאךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְנֶעמֶען דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם"; ווִי אַזוֹי ווֵייס אִיךְ אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וָואס צוּ טוּן?

מַיין חָבֵר אִיז זוֹיבֶּער אִין דִי נוֹשֵׂא פוּן שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, אָבֶּער אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, אֱמוּנַת צַדִיקִים, אוּן אִין אַהֲבָה צוּ אִידִישְׁקֵייט, תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - דַארְף עֶר נָאךְ אַבִּיסְל חִיזוּק. עֶר ווִיל מִיר אַלְס חָבֵר ווַייל עֶר דַארְף חֲבֵרִים, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיר פוּן סְתַּם זַאכְן, צוּמָאל קוּמְט עֶס אָן צוּ רֶעדְן פוּן דִי נוֹשְׂאִים, אַמָאל הֶער אִיךְ זִיךְ צוּ אוּן אִיךְ שְׁוַוייג, אוּן צוּמָאל עֶנְטְפֶער אִיךְ צוּרִיק אוּן אִיךְ ווֵייס אַז עֶס פָאדֶערְט זִיךְ פִיל זְהִירוּת, צוּלִיב זַיין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט.

אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין ווֹאוֹיל, אוּן אִיךְ ווִיל אוֹיךְ פַאר אִים זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מַדְרִיךְ זַיין אִין דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, פִיל כֹּחוֹת אוֹיף ווַייטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אֱמוּנַת חֲכָמִים דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן לֵיצָנוּת, וַוייל פוּן אַלֶעם קֶען מֶען זִיךְ הֵיילְן, אוֹיף אַלֶעס אִיז דָא אַ רְפוּאָה, אוֹיסֶער אוֹיף מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן צַדִּיקִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:), דֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁטָא קַיין הֵיילוּנְג פַאר אִים; וַוייל דִי הֵיילוּנְג לִיגְט בַּיי דִי צַדִּיקִים, דִי צַדִּיקִים שַׁיינֶען אַרַיין אִין אוּנְז אַ הָאפֶענוּנְג מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי וַוייזְן אוּנְז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אוּן וֶוען מֶען הֶערְט לֵיצָנוּת קֶען מֶען מֶער נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הֵיילְן.

חֲבֵרִים לֵצִים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צוּרִיק הַאלְט פוּן קוּמֶען צוּם צַדִּיק, פוּן לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן קלד): "הַלֵּיצָנוּת אֵינוֹ מַנִּיחַ אֶת הָאָדָם לֵילֵךְ לְצַדִּיקִים", לֵיצָנוּת הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּם צַדִּיק, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם צַדִּיק - קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, מֶען לֶעבְּט מִיט יִסוּרִים. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי חָכָם אוּן תָּם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳), וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעלֶעבְּט אַ זִיסֶע הָאנִיגְדִיגֶע לֶעבְּן, אוּן וִוי דֶער חָכָם הָאט גֶעהַאט נָאר יִסוּרִים.

זוּךְ חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעזוּכְט אַ גוּטֶער חַבֵר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיינֶעם דָארְט אִין אוּסְיַאטִין, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ קִינְד מִיטְן נָאמֶען שִׁמְעוֹן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר וִויל נִישְׁט זַיין גוּט, דֶער אִינְגְל שִׁמְעוֹן פוּן אוּסְיַאטִין הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט:

"דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ? דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּן ווָאס אַלֶע טוּעֶן?" רוּפְט זִיךְ אָן שִׁמְעוֹן: "אִיךְ בִּין אַ תָּם, אִיךְ הָאבּ לִיבּ תְּמִימוּת", דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מִיר וֶועלְן זַיין נָאנְטֶע חֲבֵרִים". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶערוּפְן אִין אַ זַייט אוּן אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער פוּן קְרִיאַת שְׁמַע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע חֵדֶר, אוּן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע וֶוען עֶס אִיז דָא אַ פְּסִיק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פוּן יוּנְגֶערְהֵייט צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן קְרִיאַת שְׁמַע קְלָאר אוּן שְׁטֵייט, נִישְׁט צַאמְכַאפְּן דִי אוֹתִיּוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טו:): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע", דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, "וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ", אוּן עֶר זָאגְט קְלָאר דִי אוֹתִיּוֹת, "מְצַנְּנִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", קִילְט מֶען אִים אָפּ דִי גֵיהִנּוֹם.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט (סִידּוּר עֵת רָצוֹן, קְרִיאַת שְׁמַע): "וְעִקַּר הַגֵּיהִנּוֹם הוּא", דֶער עִיקָר גֵיהִנּוֹם אִיז, "כְּשֶׁבּוֹעֵר בּוֹ יֵצֶר הָרָע שֶׁל נִאוּף", וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְש צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וְיֵצֶר הָרָע שֶׁל כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת", אוּן דִי יֵצֶר הָרָע פוּן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שְׁטֵייט אוּן קְלָאר - אִיז מֶען מְבַטֵּל דִי יֵצֶר הָרָע, דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לו), אַז וֶוען דִי יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר זָאל מֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אוֹיךְ וֵויינֶען בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק, וַוייל קְרִיאַת שְׁמַע אִיז מְבַטֵּל דִי יֵצֶר הָרָע.

...

## דַאוֶוענֶען פַאר אִידְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה סִימָן י: "מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל יִשְׂרָאֵל בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, הַכֹּל אוֹהֲבִין אוֹתוֹ", וָואס מֵיינְט דָאס? וָואס זָאל מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דִי אִידְן? אוּן וָואס דַארְף מֶען טוּן אַז דִי תְּפִלָּה זָאל זַיין בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל יִשְׂרָאֵל בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, הַכֹּל אוֹהֲבִים אוֹתוֹ", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ דֶער וָואס בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ וִוי אַלֶע אִידְן הָאבְּן זֵיי לִיבּ גֶעהַאט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער עֲבוֹדָה, שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן הָאבְּן נָאר גוּטְס, אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן פַּרְנָסָה.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִין סֵפֶר בֵּאוּרֵי הַמִּידוֹת (שָׁם), דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "הַכֹּל אוֹהֲבִים אוֹתוֹ", אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ, דָאס מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא וֶוען דֶער צַדִּיק לֶעבְּט, עֶס זֶענֶען דָא צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אַלֶע רֶעדְן אוֹיף זֵיי אוּן שְׁפֶּעטְן וְכוּ', "אַף עַל פִּי כֵן שְׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ נִשְׁאַר לְדוֹרֵי דוֹרוֹת בִּקְדוּשָׁה", מִיט דֶעם זֶעט מֶען שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט בְּלַייבְּט זֵייעֶר נָאמֶען הֵיילִיג, "וְהַכֹּל אוֹהֲבִים אוֹתוֹ", אוּן אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ, "וְאַף שֶׁבַּחַיִּים מַכְפִּישִׁים אֶת שְׁמוֹ", אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים גֶערוֹדְפְ'ט בַּיים לֶעבְּן, "וְהַכֹּל מְדַבְּרִים עָלָיו", אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר אוֹיפְן גַאס, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס פוּן דִי גְרוֹיסֶע פְּרִיצוּת, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״הַיינְט אַז מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מֶען זָאל אַהֵיים קוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע אִיד, נִישְׁט שְׁוַואכֶער, פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת״.

**מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, לוֹיטֶערֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַזַא פֵייעֶר, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר וְוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּחִירָה, רַאטֶעוֶוע מִיךְ״; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן טָאג טֶעגְלִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, קוּם אִין שׁוּל אוּן זַיי מַקְפִּיד אוֹיף מִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז ע״ב; תַּעֲנִית ח ע״א), וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילוֹת וְוי אַזוֹי מֶען זָאל נָאר דַאוֶוענֶען. קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, קוּם אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן רֶעד נִישְׁט אִין שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## כּוֹלֵל גֶעהַאלְט, נָאר אוֹיבּ מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד...**

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט צָאלְן דִי כּוֹלֵל גֶעהַאלְט. דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל זָאגְט מִיר אַז דוּ קוּמְסְט טָאג נָאךְ טָאג שְׁפֶּעט; וָואלְט עֶס גֶעוֶוען אַן אוֹנֶס, אֵיינְמָאל אִין אַ שְׁטִיק צַייט - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּגֶערֶעכְנְט פוּן דִי קְלֵיינֶע גֶעהַאלְט, אָבֶּער אַז דָאס אִיז בְּאוֹפֶן קָבוּעַ - קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן דִי גֶעהַאלְט.

אַ שָׁאד, בִּיסְט אַזוֹי טֵייעֶר אוּן אַזוֹי גוּט, בִּיסְט מֶער פוּן מִיר, אָבֶּער צַייטְלִיךְ דַארְף מֶען קוּמֶען.

...

## שְׁמֵייכְל צוּ אַלֶעמֶען, אוּן הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי״ן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוייל אִין שִׂמְחָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז

דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

שְׁמֵייכְל צוּ אַלֶעמֶען, אוּן הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, אוּן אוֹיךְ גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גְרִיסְן אַלֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דָאס וֶועט צוּ הֶעלְפְן נֶענְטֶער בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיז דִי מִלְחָמָה יֶעצְט אִין אִירַאן דִי מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי מִלְחָמָה יֶעצְט מִיט אִירַאן אִיז מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז דִי מִלְחָמָה פוּן גּוֹג וּמָגוֹג אִיז אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין; אִינֶעם מֹחַ, אִין הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ מַבּוּל פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּאדְקֶעסְט, קוּק נִישְׁט קַיין קְלִיפְּס. וַוארְף אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן. וֶוער אִיז דַיין רֶבִּי? וֶועם פְרֶעגְסְטוּ דַיינֶע שְׁאֵלוֹת? פְרֶעג אִים אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דַיין טֶעלֶעפָאוּן, אַדְרַבָּה, אִיךְ וִויל הֶערְן וִוי דַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ - זָאגְט דִיר אַז דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, לֶעפְּטַאפּ - וואוּ מֶען זֶעט קְלִיפְּס, אִינְטֶערְוְויוּאס, פַּאדְקֶעסְט פוּן לֵיצָנוּת אוּן פוּן כּוֹפְרִים בְּהַשֵּׁם; אִיךְ גְלֵייבּ אַז קַיין אֵיין דַיָּין וֶועט דִיר דָאס מַתִּיר זַיין.

אוֹי וֵויי, מַיין הַארְץ וֵוויינְט וֶוען אִיךְ זֶע ווִי דוּ בִּיסְט אִין אַ סַכָּנָה, אַלֶעס גֵייט דִיר גֵיין חָרוּב, אַלֶעס גֵייט דִיר צֶעפַאלְן, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל דִיךְ אִין דֶער עֶרְד לֵייגְן, עֶר ווִיל דִיר אַוֶועק נֶעמֶען דַיין וַוייבּ, דַיין שְׁטוּבּ, דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג.

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען נָאר יֶענֶע וֶועלְט, עֶר ווִיל צוּנֶעמֶען דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן פוּן דִי וֶועלְט", אוּן וֶוער עֶס הָאט אוֹיגְן קֶען דָאס זֶען, ווִי שְׁטִיבֶּער צֶעפַאלְן.

מֶען הֶערְט אִין דִי נֵייעֶס ווִי מֶען קֶען אַיינְפְלַאנְצְן אַ בָּאמְבֶּע אִין אַ טֶעלֶעפָאן אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'הַרְגְ'עֶט, אִיז דָאס פַאר מִיר אַ לִימוּד אַז דֶער טֶעלֶעפָאן אִיז אַ בָּאמְבֶּע וָואס הַרְגְ'ט מִיךְ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, מַיין תְּמִימוּת, מַיין נַאאִיוְוקֵייט.

מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי נֵייעֶס, מִיט דִי מִלְחָמָה פוּן אִירַאן; דִי מִלְחָמָה מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אִיז סַאךְ אַ שְׁוֶוערֶערֶע מִלְחָמָה ווִי דִי מִלְחָמָה יֶעצְט מִיט אִירַאן, עֶס אִיז סַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה; ווִיפִיל בָּאמְבֶּעס פְלַאצְן טָאג טֶעגְלִיךְ, ווִיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען, ווִיפִיל פַארְלִירְט מֶען פוּן דֶעם...

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אַלֶעס פְרֶעגְסְטוּ מִיר אוּן אַלֶעס טוּסְטוּ - בִּיז דִי טֶעלֶעפָאן, דָאס פַארְשְׁטֵייסְטוּ בֶּעסֶער.

...

## הֶעלְפְן אוּנְזֶער בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶע ... תְּחִיֶ'**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע, נָאר מִיט אַייעֶר הִילְף, מִיט אַייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט - הַאלְטְן מִיר דָא. עֶס וֶוערְט פַארְשְׁרִיבְּן אִין הִימְל פַאר אֵייבִּיג אַז אִיר הָאט דִי יָאר אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פוּן אַייךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֶס זָאל זַיין אַ וַוארֶעמֶע שׁוּלֶע בֵּית פֵּיגָא, וואוּ אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער לֶערְנֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט נַחַת, מִיט גֶעזוּנְט, מִיט אַלֶעס וָואס אִיר בַּאגֶערְט.

...

נ. ב. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט בְּלַייבְּן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הֶעלְפְן בֵּית פֵיגָא.

...

**אַ גוּטֶע קַבָּלָה אַז דִי אָפֶּערַאצְיֶע זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם, דֶער מַלְאָךְ רְפָאֵל זָאל זַיין בַּיי דִי אַפֶּערַאצְיֶע אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז דִי אַפֶּערַאצְיֶע זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גוּט, אוּן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן מֶער קַיין אַפֶּערַאצְיֶעס וְכוּ׳; נֶעם זִיךְ פָאר צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן מִיט שִׂמְחָה.

אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

...

**שׁוֹין גֶענוּג לֵיצָנוּת אַיינְגֶעזַאפְּט, שׁוֹין צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, קוּק נִישְׁט קַיין שׁוּם קְלִיפְּס פוּן קֵיינֶעם, קוּק נִישְׁט קַיין פַּאדְקֶעסְט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט פוּן מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים; דוּ

װעסְט פַּארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה, דו װעסְט פַארְװאגְלְט װערְן, וַוייל נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען לֶעבְן, אָן אֱמוּנָה אִיז מֶען אַ טוֹיטֶער.

אַז דו הָאסְט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה זָאלְסְטוּ גֵיין וַויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶועטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מו), װען מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב, וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ וּפוֹנֶה לְצַעֲקָתוֹ", װען מֶען הָאט קַשְׁיוֹת דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, "קֻשְׁיָא, רָאשֵׁי תֵבוֹת שְׁ'מַע יְ'יָ קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא", דִי אוֹתִיּוֹת פוּן "קַשְׁיָא" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי װערְטֶער (תְּהִלִּים כז, ז): "שְׁ'מַע יְ'יָ קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא"; אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי שְׁרֵייעֶן אִין פֶעלְד: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דו בִּיסְט מִיט מִיר; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים, אִיךְ הָאבּ סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי װעלְט אוֹיסֶער דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ, הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים, לֵיצָנוּת אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים".

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן וִוי טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וַוייבֶּער - זֶענֶען צוּגְרִינְד גֶעגַאנְגֶען, זֵיי הָאבְּן פַּארְלוֹירְן זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵייעֶר אֱמוּנָה, זֵייעֶר חֵן, זֵייעֶר הֵיילִיגְקֵייט - וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז מֶען מֶעג הָאבְּן אַ הַאלְבֶּע טֶעלֶעפָאן, אַ פֶערְטְל טֶעלֶעפָאן, אַהֶער מִיט אַהִין, מִיט דִי קְלוּגְשַׁאפְט הָאבְּן זֵיי אַלֶעס פַּארְלוֹירְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי פָּרָשָׁה, "וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה" (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ח), וִויבַּאלְד קֹרַח אִיז גֶעוֶוען קְלוּג אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעוָוארְן אַ מִין, אַן אַפִּיקוֹרֶס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שׁוֹין גֶענוּג לֵיצָנוּת אַיינְגֶעזַאפְּט, שׁוֹין צַייט תְּשׁוּבָה

צו טון און אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָן אַ טֶעלֶעפָאן, אָן קְלִיפְּס, אָן פַּאדְקֶעסְט. אַדְרַבָּה, אִיךְ וִויל וִויסְן, וֶוער אִיז דַיין גוּטֶער אִיד וֶועם דוּ פְרֶעגְסְט דַיינֶע שְׁאֵלוֹת? וֶוער אִיז דַיין עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועם דוּ בֶּעטְסְט בְּרָכוֹת אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט? פְרֶעג אִים אוֹיבּ מֶען מֶעג קוּקְן לֵיצָנוּת, אוֹיבּ מֶען מֶעג קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן; נִישְׁטָא קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט דִיר זָאגְן אַז מֶען מֶעג.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין, עֶס טְרֶעט מִיר צוּ צוּם הַארְצְן.

...

## בֵּית פֵיגָא יָאר-בּוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ**

לְכָבוֹד דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט וָואס עֶנְק טוּעֶן גְרַאדוּאִירְן דִי עֶרְשְׁטֶע אַכְט קְלַאסְן, וִויל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער פַאר דִי יָאר-בּוּךְ וָואס עֶנְק גֶעבְּן אַרוֹיס.

טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אִין אֵיין בְּרִיוו אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן דִי גְרוֹיסֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן מִיטְן גְרִינְדְן אוּנְזֶער בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶע וואו מִיר וֶוערְן נִתְחַנֵךְ צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ זַיין גֶעטְרֵייעֶ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צוּ זֶען וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע פֵּירוֹת בֵּית פֵיגָא גֶעבְּט אַרוֹיס, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אוּן וָואס הָאבְּן לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן לִיבּ דִי תּוֹרָה וֶועג.

יֶעצְט וֶוען עֶנְק גְרַאדוּאִירְן דִי אַכְט קְלַאסְן זָאלְן עֶנְק דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְק הָאבְּן גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע יָארְן אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶוענְט פוּן בֵּית פֵיגָא.

עֶנְקֶער אֵיידֶעלֶע אוֹיפְפִירוּנְג, עֶנְקֶער בַּאשֵׁיידְנְקֵייט און גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת - אִיז אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם און אַ נַחַת רוּחַ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים און מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא, עֶנְק זָאלְן אַלֶע הָאבְּן הַצְלָחָה און בְּרָכָה אִין עֶנְקֶער לֶעבְּן, אָמֵן.

...

## דִי שְׁרֶעק שַׁאדְט דָאס מֶערְסְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא דִי מִלְחָמָה מִיט אִירַאן דַארְפְן עֶנְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, עֶנְק דַארְפְן רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, בְּעִיקָר אִין שְׁטוּב צוּ דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, וַוייל נָאר אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק דִי פְּחָדִים, נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק אַלֶע, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוֹיף זֵייעֶר רוּאִיגְקֵייט, אוֹיף זֵייעֶר פְרֵיילִיכְקֵייט, און וֶוען עֶס גֵייט אַן אַלַארֶעם און עֶנְק בַּאשִׁיצְן זִיךְ - זָאלְן עֶנְק פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי מִשְׁפָּחָה, זִינְגֶען אֱמוּנָה און מַאכְן וֶוערְטְלֶעךְ, וַוייל דָאס מֶערְסְטֶע וָואס שַׁאט פַאר דִי נֶפֶשׁ אִיז דִי שְׁרֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְנִיעוּת הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי דְרֵיי יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קִינְדֶער פוּן דְרֵיי יָאר דַארְפְן שׁוֹין גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, צְנִיעוּת הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי דְרֵיי יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַלְס קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער, מֶען וֶוערְט מֶער אוּן מֶער עֶרְנְסְטֶער - דַארְפְן זֵיי רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִישְׁט אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען אִיז אַ מַגִּיד שִׁיעוּר, אַ מְנַהֵל, אָדֶער מְלַמֵּד - אִיז דָאס נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה, וַוייל וִוי מֶער עֶרְנְסְטֶער מֶער וֶוערְט - אַלְץ מֶער סַכָּנָה אִיז מֶען פַאר בְּנֵי הַנְּעוּרִים, מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט מְרַחֵק זַיין אוּן מַחְלִישׁ דַעַת זַיין וְכוּ'.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הֱיוֹת דוּ וֶוערְסְט עֶלְטֶער אוּן מֶער עֶרְנְסְטֶער, אוּן דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד - זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ יֶעדְן תַּלְמִיד, דוּ זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין יֶעדְן תַּלְמִיד, פַארְגִינֶען אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד אוּן פַארְגִינֶען אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד, וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ דֶערְמַאנֶען בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת דַיין הִתְנַהֲגוּת אַלְס קִינְד אוּן אַלְס בָּחוּר, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אִיז וָואס פַארְבְּרֶען אִיךְ יֶעצְט מֶענְטְשְׁן, אִיךְ וָואלְט דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל מִיךְ פַארְבְּרֶענֶען, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיר אַז עֶכְט אִין מַיין הַארְץ בִּין אִיךְ גוּט אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן בִּין אִיךְ נָאכְאַלְץ גֶעוֶוען גוּט, אוּן אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט אֵיינֶער זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען אוּן פַארְטְרַייבְּן פוּן צַדִיק, אַזוֹי זָאל אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט מַרְחִיק זַיין אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן פוּן צַדִיק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הֶער פוּן דֶעם גַבַּאי׳ן ר׳ אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; בִּכְלַל הֶעלְפְן מוֹסְדוֹת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ - אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, אוּן אַזוֹי ווִי דוּ ווֵייסְט זֶענֶען אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת גֶעבּוֹיט עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, אִיז וֶוער עֶס הֶעלְפְט הָאט אַ גָאר גְרוֹיסֶע זְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ דִי אַכְט יָארְן בֵּית פֵּיגָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

לְכָבוֹד וָואס אִיר טוּט גְרַאדוּאִירְן דִי אַכְט קְלַאסְן פוּן בֵּית פֵּיגָא, גֶעבּ אִיךְ אַייךְ אַ מַתָּנָה דִי סֵפֶר הַמִידוֹת, דֶער סֵפֶר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שעט): "דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד". אוּן אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אַז אֲפִילוּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין בֵּית פֵּיגָא קַיין תּוֹרָה מִיט מֵיידְלֶעךְ, אִיז אָבֶער אַנְדֶערְשׁ דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, וָואס זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק מוּסָר, אַ מַאגְנֶעט וָואס צִיט אוּן שְׁלֶעפְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ דִי אַכְט

יָאר בֵּית פֵּיגָא, וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אַייךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן און צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט בִּכְלָלִיּוּת און אוֹיפְן מֶענְטְשׁ בִּפְרָטִיּוּת - אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאר פַּאר דָאס גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַמָאל שְׁוֶוער, עֶס וֶוערְט אַמָאל טוּנְקֶל - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס נָאר פַּאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר מִיט נֶעמֶען מִיט אַייךְ אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְן דִי זִיסֶע עֵצָה וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵּיגָא; דִי עֵצָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט אַז אוֹיסֶער אַייעֶר טַאטֶע הָאט אִיר נָאךְ אַ טַאטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס אִיז דִי טַאטֶע פוּן אוּנְז אַלֶע, און וֶוען אִיר דַארְפְט עֶפֶּעס זָאלְט אִיר זִיךְ צוּ אִים וֶוענְדְן, שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים און בֶּעטְס אִים, וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר מִיט נֶעמֶען אִין לֶעבְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער. מִיר זֶענֶען אִין אַמֶערִיקֶע אָבֶער מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַמֶערִיקַאנֶער, מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער אָבֶער מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער; זָאלְט אִיר גֵיין מִיט שְׁטְרִימְפּ וָואס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי דִי פִּיס, און אוֹיךְ מִיט קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, נִישְׁט קוּרְץ און נִישְׁט גֶעפַּאסְט, אִיר זָאלְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און פַּאר דִי צַדִיקִים.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט פַּאר אוּנְז מִיטְן עֶפֶענֶען פַּאר אוּנְז דִי סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא", וְוִיפִיל טְרֶערְן מוֹהֲרָא"ש הָאט פַארְגָאסְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן הָאבְן דִי הֵיילִיגֶע בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע וואוּ דִי תַּלְמִידוֹת וֶועלְן לִיבּ הָאבְן צוּ זַיין אַ אִיד, לִיבּ הָאבְן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, וִוי עֶס פַּאסְט פַּאר דִי אִידִישֶׁע פָאלְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְן הַצְלָחָה.

...

## דֶער מַאן שְׁפִּילְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן מֶער נִישְׁט גֵיין צוּם קִיאַסְק, דוּ זָאגְסְט מִיר אַלֵיין אַז דוּ גֵייסְט נָאר פַאר אֵיין מִינוּט אוּן דוּ זִיצְט דָארְט אָפְּ גַאנְצֶע נֶעכְט, אוּן דַיין וַוייבּ דַארְף זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי גֶעזִינְדְל, זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי מְקָרֵב גֶעוֶועןן אַלְס בָּחוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעמַאכְט דַיין שִׁידוּךְ מִיט אַזוֹיפִיל לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַזוֹיפִיל שָׁעָה שׁוֹין אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר, פַאר דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, פַאר דַיין הַצְלָחָה, יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר דִי אֵיין טוֹבָה: גֵיי נִישְׁט מֶער אִין קִיאַסְק, רִיר נִישְׁט אָן מֶער קַיין קָאמְפְּיוּטֶער אוּן קַיין טֶעלֶעפָאן; דוּ וֵוייסְט בַּיי דִיר אַז פַאר דִיר אִיז דִי זַאכְן אַ סַכָּנָה, וִוי נָאר דוּ הוֹיבְּסְט אָן מִיט קוּקְן נֵייעֶס - פַארְגֶעסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ, פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, דוּ וֶוערְסְט אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת.

אִיךְ הָאף אִיךְ מֶעג דִיר נָאךְ זָאגְן, לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט בַּיי אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט, וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - זֶענֶען זֵיי בַּאלֵיידִיגְט גֶעוָוארְן, אוּן דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶועןן אַז זֵיי זָאלְן מֶער נִישְׁט קוּמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג מֶער נִישְׁט זָאגְן, אוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶע שַׁיְיכוּת אִיז אַז אִיךְ שְׁמֵייכְל אוּן אִיךְ גְרוּס גוּט שַׁבָּת אוּן שׁוֹין; אִיךְ וִויל נִישְׁט אוּנְזֶער שַׁיְיכוּת זָאל זַיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן שׁוֹין, אָבֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט פוּן מִיר, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט נָאכְן לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר פוּן פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, נִישְׁט זִיצְן בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, וִוי זֵיי וַוארְטְן דֶער מַאן זָאל אַהֵיים קוּמֶען, אוּן דֶער מַאן שְׁפִּילְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן מִיטְן טֶעלֶעפָאן, מִיט דִי נֵייעֶס, מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

הַלְוַואי וֶועסְטוּ אָנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְט נָאר מַרְוִיחַ זַיין.

...

## אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל נִישְׁט מֶען זָאל זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר טוּט אַלֶעס אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן; פַּאר אֵיינֶעם מַאכְט עֶר בִּלְבּוּלִים, פַּאר אַ צְוֵוייטְן אַ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ טֶעכְנִיק וִוי אַזוֹי אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ אִיד ר' לִיפָּא, אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר אִיז קוֹדֶם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶועןשַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט אִים שׁוֹין דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגֶ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵּז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ', ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ אָבֶער פוּן דֶעם בַּאלֵיידִיגְט, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן? עִמָּנוּ הֱיִיתֶם!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט

און אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) און מִיךְ שְׁלָאגְן - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין"!

בַּאנֵיי זִיךְ אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. וֶוען דוּ זָאגְסְט מִשְׁנַיוֹת זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּהֶערְן קַיין אִינְטֶערְוְויָאס מִיט פַּאדְקֶעסְט, עֶס אִיז אַ סְתִּירָה; דִי מִשְׁנַיוֹת דַארְף רֵיינִיגְן, און דִי אִינְטֶערְוְויָאס מִיט פַּאדְקֶעסְט, דְרָשׁוֹת - דָאס שְׁלֶעפְּט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס קֶען זַיין אֵיין קְלִיפּ, אֵיין טְרָאפּ לֵיצָנוּת - וֶועט דִיר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה אַרוֹיס פוּן דִי צָרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כא, ל): "אֵין חָכְמָה", עֶס קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין קְלוּגְשַׁאפְט, "וְאֵין תְּבוּנָה", און עֶס קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, "וְאֵין עֵצָה", און עֶס קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין עֵצָה, "לְנֶגֶד ה'", קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, 'אֵין חָכְמָה', וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קְלוּגְשַׁאפְט, 'וְאֵין תְּבוּנָה, וְאֵין עֵצָה', וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה און פַארְשְׁטַאנְד, דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ צָרָה און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט קַיין עֵצָה, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְלוֹירְן, זָאגְט אִים דִי פָּסוּק: "לְנֶגֶד ה'", שְׁטֶעל זִיךְ אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה'", אִיךְ לֵייג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "לְנֶגְדִּי תָמִיד", אַנְטְקֶעגְן מִיר, און רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, און וִוי אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ זַיין טַאטֶע, בֶּעט אִים אִין דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,**

אֵין חָכְמָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין קְלוּגְשַׁאפְט, וְאֵין תְּבוּנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין פַארְשְׁטַאנְד, וְאֵין עֵצָה, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין עֵצָה, דֶערְפַאר קוּם אִיךְ לְנֶגֶד ה', צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע טֶעג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵק זַיין נָאכְדֶעם וָואס עֶנְק זֶענֶען אַרִיבֶּער יֶעצְט וְכוּ'. שְׁטַארְקְט עֶנְק מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַזֶר'ט עֶנְק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט. עֶנְק זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פְּרֶעגְן קֵיין קַשְׁיוֹת, אָדֶער אַרוֹיסְרֶעדְן וֶוערְטֶער קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן פוּן הִימְל פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶועט טוּן וֶוען עֶר וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג; וֶועט עֶר הָאבְּן קַשְׁיוֹת, וֶועט עֶר רֶעדְן קֶעגְן חַס וְשָׁלוֹם, אָדֶער וֶועט עֶר וֶוערְן מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וִויל דִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיינַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב מִיט גָארְנִישְׁט. גֵיי שְׁלָאפְן גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב, אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

...

## וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ. אַזוֹי

ווי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אִיךְ בִּין מְנַדֵּב פִּינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת לִרְפוּאָה פַאר אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אִיז דִי גַאנְצֶע וֵוייטָאג פַארְשְׁווּינְדְן גֶעוָוארְן, אוּן אַלֶע זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט.

קֶענְסְט מְפַרְסֵם זַיין דִי מַעֲשֶׂה, מֶענְטְשְׁן זָאלְן ווִיסְן דִי הַבְטָחָה פוּן צַדִּיק, אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט צַאמְעֶנְעמֶען צְדָקָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר הַדְפָּסָה, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט דִי טֶעלֶעפָאן, סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ, אוֹיבּ עֶס אִיז מוֹסִיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אָדֶער נִישְׁט.

...

**זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן פוּן צַייט צוּ צַייט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז גוּט צוּ קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט זִיךְ דוּרךְ שְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳. בַּיי יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער אִיז דָאס גָאר וִויכְטִיג, אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּבּ רִיכְטִיג אוֹיף דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

ווייל ווִי קְלוּג אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין דַארְף עֶר אָבֶּער טְרֶעפְן אֵיינֶער וָואס אִיז קְלוּגֶער פוּן אִים, וָואס וֶועט אִים מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה אוּן מִיט שָׁלוֹם.

גֶעדֶענְק, אַלְס בָּחוּר וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִיר הָאבּ אִיךְ דִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען מִיט רַחְמָנוּת אִין יְשִׁיבָה, אוּן דִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶועזְן צוּם רֶבִּי׳ן מִיט אַזַא רַחְמָנוּת, אוּן נָאכְדֶעם דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ שִׁידוּךְ, אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, אוּן יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר וַוייטֶער בְּרֶענְגֶען מַתָּנוֹת אוּן דִיךְ וַוייטֶער וַוייזְן דִי וֶועג, אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען מִפַּעַם לְפַעַם צוּ דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס פוּן לִיבְּשַׁאפְט.

...

## כַּאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, הוֹיבּ נִישְׁט אָן אַרְבֶּעטְן אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְטוּן צִיצִית, דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁמִירָה פַאר דִיר.

כַּאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן, זָאג דָארְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויין מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס אוּן מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ", בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אֲפִילוּ דֶער וָואס מֶען נֶעמְט נִישְׁט אָן זַיינֶע תְּפִילוֹת.

דֶעם פָארִיגְן שַׁבָּת בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר.

...

## דַאנְק, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

יֶעצְט וֶוען עֶנְק הָאבְּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' זָאלְן עֶנְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה פַאר עֶנְקֶער גוּטְס. עֶנְק זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, אַז עֶנְק זֶענֶען גֶעזוּנְט, אוּן פַאר עֶנְקֶער קִינְד, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען פַאר עֶנְק יְשׁוּעוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט מֶען אִין הִימְל מֶען זָאל אִים גֶעבְּן מֶער גוּטְס אוּן מֶער גְעַנַאדֶע, עֶר זָאל הָאבְּן מֶער אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען".

...

## אָנְשְׁמִירְן אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל פוּן דִי שַׁבָּת לֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וָואס אִיר זָאלְט טוּן מִיט דִי רֶעשׁ (אוֹיסְשְׁלַאג) אוֹיף אַייעֶר הֶענְט, מוֹהֲרָא״ש גֶעבְּט אַ סְגוּלָה מֶען זָאל נֶעמֶען פוּן דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹיל פוּן דִי שַׁבָּת לֶעכְט אוּן דָאס אָנְשְׁמִירְן אוֹיף דִי רֶעשׁ, וֶועט דָאס זַיין פַאר אַ רְפוּאָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳, דָאס קֶען מֶען נָאר אוֹיסְהֵיילְן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת, רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְעֶסְן פוּן מֶענְטְשְׁן; נָאר הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה הֶעלְפְט אוֹיף דֶעם.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, תשפ״ה

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף קוּמֶען מִיר אַרוֹיס פַארְן זוּמֶער מִיט דִי בָּחוּרִים אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִין שְׁטֶעטְל.

דִי שִׁיעוּרִים וֶועלְן זַיין אַזוֹי וִוי פַארְיָאר, אִינְדֶערְפְרִי וֶועט זַיין דִי גְמָרָא שִׁיעוּר, אַלֶע קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דִי שִׁיעוּר. עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ אָנְצוּהוֹיבְּן דִי טָאג מִיט אַ בְּלַאט גְמָרָא, דִי שִׁיעוּר אִיז אוּנְטְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער. דִי פַארְנַאכְטְס שִׁיעוּר אִיז אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר פַאר דִי בָּחוּרִים, אוּן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר יֶעדֶע לֵיל שִׁשִּׁי.

אוֹיךְ וֶועט זַיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת מְלַוֶּה מַלְכָּה, דֶעמָאלְט קֶענֶען אַלֶע קוּמֶען. אָבֶּער דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן קִינְדֶער וָואס דַארְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין גֵיין אִין חֵדֶר - זָאלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן לֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אַן אוֹיסְגֶערוּטֶע קָאפּ.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער, עֶס אִיז גוּט צוּ קוּמֶען זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט, פוּן תּוֹרָה, פוּן תְּפִלָּה, פוּן תְּמִימוּת. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אָן קֵיין חֲקִירוֹת און אָן קֵיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְּרוֹיעֶן און פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן – וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – גְלֵייבְּן; וִוי מֶער תְּמִימוּת אַלְץ זִיסֶער אִיז דֶער לֶעבְּן.

הַיינְט וֶועלְן מִיר זָאגְן אִינְאֵיינֶעם יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, מִיר וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּכְלָלִיּוּת און אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּפְרָטִיּוּת. מִיר דַארְפְן וֵויינֶען אוֹיף דִי עֶכְטֶע נוּקְלֶעאַרֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע וָואפְן וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; דִי אִירַאנֶע אַטֶעם אִיז אַ מָשָׁל אוֹיף דִי סַכָּנָה פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, וָואס בָּחוּרִים, מֵיידְלֶעךְ, אִינְגֶעלַייט און וַוייבְּלֶעךְ – וֶוערְן אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין סִפְרֵי כִּי תֵצֵא, רנב): "גָּדוֹל הַמַּחְטִיאוֹ יוֹתֵר מִן הַהוֹרְגוֹ", דֶער וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן אִיז עֶרְגֶער וִוי דֶער וָואס הַרְגְ'עֶט, וַוייל דֶער וָואס הַרְגְ'עֶט הַרְגְ'עֶט נָאר דֶעם גוּף, און דֶער וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן – הַרְגְ'עֶט דִי גוּף מִיט דִי נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעסֶער זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן ווִי זִיךְ דֶערְנִידֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט בַּיים לֶערְנֶען מִשְׁלֵי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט שֵׁיינֶע זַאכְן עַל פִּי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הַקְדָּמוֹת, אוּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר ווִיל אִיךְ דָאס מִיט דִיר מִיטְטֵיילְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כה, ז): ״כִּי טוֹב אֲמָר לְךָ עֲלֵה הֵנָּה״, עֶס אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְט זִיךְ זֶעצְן אוֹיף אַ נִידְרִיגֶע אָרְט אוּן מֶען זָאל דִיר זָאגְן קוּם אַרוֹיף, ״מֵהַשְׁפִּילְךָ לִפְנֵי נָדִיב״, ווִי אֵיידֶער דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעצְן אוֹיף אַ חָשׁוּבְ׳עֶ אָרְט אָן רְשׁוּת, אוּן מֶען וֶועט דִיךְ דֶערְנִידֶערְן וְכוּ׳.

עַל פִּי דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי׳ן: ״אִיז דֶען אַ קוּנְץ אַרָאפְּוַוארְפְן אַ אִיד, אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְהֵייבְּן אַ אִיד״; זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ אוּן עֶר הָאט תַּעֲנוּג וְנַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ טוּ, אוּן פוּן מַיינֶע תְּפִילוֹת וְכוּ׳.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק: ״כִּי טוֹב אֲמָר לְךָ״, עֶס אִיז גוּט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ זָאגְן ׳עֲלֵה הֵנָּה׳, קוּם אַרוֹיף, הוֹיבּ זִיךְ אוֹיף, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ זִיךְ שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, זַיי זִיךְ מְחַזֵּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ, ״מֵהַשְׁפִּילְךָ לִפְנֵי נָדִיב״, פוּן זִיךְ צֶעקְלַאפְּן אוּן דֶערְנִידֶערְן, אוּן טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ, וָואס דָאס אִיז עֲצַת הַיֵּצֶר; אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, יֶעדֶע נַאכְט זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁלָאפְן מִיט דִי סֵפֶר.

דִי בְּרִיוו זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה, דִי בְּרִיוו זֶענֶען שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת גֶענוּמֶען פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל, נָאר אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט מֶער פַאר דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

## אַסַאךְ צוּקֶער, מַאכְט נִישְׁט גוּט שְׁפִּירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טְרִינְק וַואסֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט.

זָארְג נִישְׁט וְכוּ', דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ נִישְׁט גוּט בַּיים טְרִינְקֶען זִיסֶע גֶעטְרַאנְקֶען - דָאס אִיז גָארְנִישְׁט, דִי סַאךְ צוּקֶער מַאכְט דָאס, דַארְפְסְט נִישְׁט זָארְגְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּ אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶעס.

...

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

## גֵיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר צֶען מִינוּט.

אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין חֵדֶר זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דֶערְצֵייל אִים וְוִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן וְוִי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶערְט דִיר.

אִיךְ זָאג דִיר דַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן, וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, וֶועסְט וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶער וְכוּ'.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ, דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר צְווִישְׁן אוּנְז.

...

## מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, אֲפִילוּ מִיט אַ פִילְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָיר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין דִי טְבֶרְיָ' שׁוּל אוּן אִינְגֶעלַייט זִיצְן אוֹיף דֶעם בַּיינַאכְט, מִיט דִי אוֹיסְרֵייד כְּאִילוּ מֶען דַארְף עֶס פַאר דִי מוֹסָד. אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער פוּן שׁוּל, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים עֶס זָאל זַיין בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אַ קָאמְפְּיוּטֶער אֲפִילוּ מִיט אַ פִילְטֶער.

בִּכְלַל פַאר דִי מוֹסָד זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין צֶעטְלֶעךְ מִיט

קַיין בִּיכְלֶעךְ, אִיךְ דַארְף מְלַמְּדִים יִרְאֵי שָׁמַיִם מִיט אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶוען צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען קֶען מַאכְן צֶעטְלֶעךְ, אָבֶּער אוֹיב דָאס דַארְף זַיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיפְן מְכַשֵּׁף - דַארְף אִיךְ נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶנְדִיגְן מִיר אִינַאיינֶעם מַסֶּכֶת שָׁבוּעוֹת אוּן מָארְגְן הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת עֲבוֹדָה זָרָה. אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, גוֹרֵס זַיין דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה. דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר גֶעבְּן רוּחַ חַיִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ח), אִין דִי תּוֹרָה לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי רוּחַ חַיִּים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּאקוּמְט מֶען אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן, מֶען הוֹיבְּט אָן הַנָּאָה הָאבְּן פוּן דִי לֶעבְּן.

אִיךְ ווֵייס נָאכְנִישְׁט וֶועגְן דִי שִׁיעוּר הַיינְט נַאכְט, הֱיוֹת עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ ווֵייס נָאכְנִישְׁט אוֹיב אִיךְ וֶועל דַארְפְן אוּנְטֶערְפִירְן דִי חָתָן וְכוּ׳, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר; אוֹיב זַאכְן וֶועלְן זִיךְ טוּישְׁן - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער מוֹדִיעַ זַיין וואוּ דִי שִׁיעוּר וֶועט זַיין.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער ווִי דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וֶוען דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף דִי מְרַגְּלִים (בַּמִּדְבָּר יג, ג): ״אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל״, אוּן רַשִׁ״י זָאגְט: ״וְאוֹתָהּ שָׁעָה כְּשֵׁרִים הָיוּ״, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן דֶעמָאלְט, אוּן וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעעֶנְדִיגְט, מִיט רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; עֶס כַאפְּט אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי פַּרְשִׁיּוֹת, ווִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דִי תּוֹרָה אִיז מֵעִיד אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען

עֶרְלִיכֶע, זֶענֶען אוֹיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעפַאלְן, צוּ אַוֶועק פִירְן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ מַאכְן אַ בְּכִיָּ' לְדוֹרוֹת, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁלֶעךְ דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין קֶעגְן צַדִּיקִים.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, דִי וָואךְ זֶעט מֶען אִין דִי פַּרְשָׁה אֵיין עֵצָה, רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, טז): "הִתְפַּלֵּל עָלָיו, קָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי עֵצָה פוּן דִי מְרַגְּלִים, אוּן אוֹיךְ כָּלֵב בֶּן יְפוּנֶּה אִיז גֶעלָאפְן צוּ קִבְרֵי אָבוֹת מִתְפַּלֵּל זַיין (רַשִׁ"י שָׁם, כב), דַארְפְן מִיר אוֹיךְ דָאס טוּן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע אוּן נִישְׁט צוּ הָאבְן מִיט מַחֲלֹקֶת אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי נִישְׁט אוֹיף צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִשְׁנַיּוֹת וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְן פוּן מָאוִויס, קְלִיפְּס, אוּן פַּאדְקֶעסְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי טֶעלֶעפָאן, צוּ דִי נֵייעֶס, דוּ קוּקְסְט מָאוִויס, קְלִיפְּס, פַּאדְקֶעסְט - אִיז דָא אֵיין עֵצָה פַאר דִיר; זָאלְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה,

בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״; אויב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת.

נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן, נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), וַוייל רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקעג): ״וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט), הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אָרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: ׳דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס׳״; אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבְּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אויב עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ׳כַּךְ וְכַךְ׳ - וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיר וֶועלְן זַיין זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל, אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטֶעטְל, צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן דִי בֵּיימֶער, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט תְּשׁוּבָה אוּן תִּיקּוּן הַמַּעֲשִׂים. אִין שְׁטָאט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן. אוֹיף דִי בֶּערְג אִיז אַ מְחַיֶּה, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַ רֵיינְקֵייט, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אויב מֶען הָאט נִישְׁט דִי טֶעלֶעפָאן מִיט זִיךְ. מֶען קֶען זַיין אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע פְּלַאץ, אויב הָאט מֶען דִי טֶעלֶעפָאן אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אַלֶעס וֶוערְט פַארְשְׁטֶעלְט, דִי גְרוֹיסֶע קְדוּשָּׁה וֶוערְט פַארְשְׁטֶעלְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם מֶלֶךְ וְעָנָיו (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ו): ״עֶס אִיז פַארְהַאנְדְן אִין אַלֶע מְדִינוֹת אֵיין מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. (כְּלוֹמֶר דִי מְדִינָה אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער כְּלָל פוּן אַלֶע מְדִינוֹת) אוּן אִין דֶער מְדִינָה אִיז פַאר הַאנְדְן אַ שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטֶעט פוּן

גָאר דֶער מְדִינָה וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. און אִין דֶער שְׁטָאט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיין שְׁטוּבּ וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶּער פוּן דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַ"ל. און דָארְט אִין דֶער שְׁטוּבּ אִיז פַארְהַאנְדְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז כּוֹלֵל גָאר דִי שְׁטוּבּ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַ"ל. און דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מַאכְט גָאר דָאס לֵיצָנוּת און דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה", און וִוי מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה; מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קַיין יְרוּשָׁלַיִם, צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים וואוּ דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֵייט אַרַיין מַקְרִיב זַיין דִי קְטֹרֶת, און דָארְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי בְּחִירָה וְנִסָּיוֹן, אֵיינֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## נִישְׁט לוֹיפְן מִיט שְׁרֶעק און פַּאנִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִין תַּמּוּז, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט הוֹיבְּן מִיר אָן מַסֶכֶת עֲבוֹדָה זָרָה, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן דִי מַסֶכְתָּא און לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא. עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ; עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע טַאטֶע, מֶען אִיז אַן אַנְדֶערֶע מַאן, אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ בַּיי דִי אַרְבֶּעט, עֶס אִיז כִּרְחוֹק מִזְרָח צוּ מַעֲרָב; אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט גְמָרָא, וָואס מֶען זָאגְט גְמָרָא - אִיז מֶען הֵיילִיג און נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא וַוייל דוּ הָאסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן און עֶס הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן, דוּ בִּיסְט מְיוּאָשׁ, דוּ ווִילְסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן, אָבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וָואס וֶועסְטוּ דֶערְלֵייגְן? וָואס קֶענְסְטוּ דֶערְלֵייגְן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען? וֶועסְט דָאךְ

נָאר פַארְדִינֶען; וָואלְט אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ דִיר בֶּעטְן גֶעלְט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן קֶען זַיין עֶס וֶועט פַארְלִירְן אוּן עֶס קֶען זַיין דוּ וֶועסְט פַארְדִינֶען, אוּן אֲפִילוּ עֶס וֶועט פַארְדִינֶען - וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי רְוָוחִים? דָאס וֶועט מֶען פוּן פְּרִישׁ אִינְוֶועסְטִירְן, אוּן וֶוער זָאגְט אַז דֶעמָאלְט וֶועט עֶס מַאכְן רְוָוחִים... אָבֶּער בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועסְטוּ נָאר מַרְוִיחַ זַיין.

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, עֶס גֶעבְּט אַ קִיצֶל, מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, עֶס קוּמֶען שׁוֹין כִּמְעַט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט שַׁבָּת זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אֵיינְמָאל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶוער אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר עֶרְנְסְט", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "לֹא כָּךְ הוּא, הָעִקָּר הוּא שִׂמְחָה", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר טֵייעֶר, עַיֵּין שָׁם.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ בַּאזוּנְדֶער שְׁרַייבְּן פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעצְט בַּיי דִי מִלְחָמָה מִיט אִירַאן. מֶען הֶערְט אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן פוּן דִי בָּאמְבֶּעס, אוּן בְּעִיקָּר מִיט דִי פַּחַד מִיט וָואס מֶען לֶעבְּט שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ, פוּן דִי שְׁרֶעק פוּן דִי אַלַארֶעמְס, אוּן פוּן דִי קוֹלוֹת פוּן דִי בָּאמְבֶּעס; וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף עֶנְקֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, מַאכְט וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן וֶוען עֶנְק לוֹיפְן צוּ דִי בּוּנְקֶערְס זָאלְן עֶנְק חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט לוֹיפְן מִיט שְׁרֶעק אוּן פַּאנִיק, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, עֶס קֶען בְּלַייבְּן אוֹיף דִי לֶעבְּן, עֶנְק דַארְפְן זִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים. יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פַאר שְׁטַייטֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים, מֶען דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי מִשְׁפָּחָה, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין רוּאִיג.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## דִּי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִין תַּמּוּז, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִּי מַחֲשָׁבוֹת מַאכְט זִיךְ בַּיי אַסַאךְ, דִּי מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן וֵוייניג אֱמוּנָה. מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: ״הָאסְטוּ אִין דִיר נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה״. דָאס אִיז גֶעוֶוען וָוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִּי תּוֹרָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (חֵלֶק ב׳, סִימָן פו), אַז וָוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה דַארְף מֶען טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, דֶערְצֵיילְט רֶבִּי נָתָן: ״אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט ׳וָואס מֵיינְט דֶער רֶבִּי דָא? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אֱמוּנָה?׳ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ תּוֹפֵס גֶעוֶוען מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אוֹיף מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי ׳אוּן אַז דוּ הָאסְט יָא אֱמוּנָה הָאסְטוּ אָבֶער אִין דִיר נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה׳״, עַיֵין שָׁם (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמ).

דָאס אִיז דִּי סִיבָּה פוּן דִּי מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיר טְרַאכְט אַז אַייעֶר מַאן דַארְף אַייךְ נִישְׁט וְכוּ׳, דָאס קוּמְט פוּן אַייעֶר אֵייגֶענֶע צֶעקְלַאפְּטְקֵייט.

טוּט אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זַייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דִּי אַלֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט אִים שְׁפִּירְן, אִיר זָאלְט אִים זֶען, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִּי דִמְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁלָאפְן הֶעלְפְט פַאר גֶעזוּנְטֶע נֶערְוֶועְן אוּן פַאר אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִין תַּמּוּז, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ קוּמְט מֶער אוּן מֶער צוּ אִירֶע כֹּחוֹת, אִיךְ בֶּעט פַאר אִיר זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ אוּן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

זֶע דַיין וַוייבּ זָאל שְׁלָאפְן גֶענוּג, אוּן אוֹיךְ זָאל זִי גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי נִישְׁט שְׁפֶּעט, מֶען דַארְף שְׁלָאפְן גוּטֶע שָׁעוֹת, שְׁפֶּעטְסְטְנְס זָאל זִי גֵיין שְׁלָאפְן עֶלְף אַזֵייגֶער. שְׁלָאפְן אִיז זֵייעֶר וִוּיכְטִיג פַאר דִי מֹחַ, שְׁלָאפְן הֶעלְפְט פַאר גֶעזוּנְטֶע נֶערְוֶועְן אוּן פַאר אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי): "יֵשׁ כַּמָּה שְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים הַמִּתְדַּבְּקִים וּמִתְחַבְּרִים בְּהַמֹּחַ", עֶס קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִינֶעם מֹחַ אַסַאךְ שְׁטוּתִים אוּן בִּלְבּוּלִים, "וּבִפְרַט בִּלְבּוּלֵי הָאֱמוּנָה", אוּן עֶס שְׁאַט סְפֶּעצִיעֶל פַאר אֱמוּנָה, "וְעַל יְדֵי הַשֵּׁנָה נִפְרָדִים מֵהַמֹּחַ", אוּן דוּרְךְ שְׁלָאפְן גֵייט עֶס אַוֶועק, "וּבְיוֹתֵר מוֹעִיל הַשֵּׁנָה לֶאֱמוּנָה", אוּן אַז מֶען שְׁלָאפְט הֶעלְפְט עֶס זֵייעֶר פַאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערוּט, מֶען קוּמְט צוּ זִיךְ; זָאלְסְטוּ זֶען אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, וֶועט זִי קוּמֶען צוּ אִירֶע כֹּחוֹת.

זָאג אִיר עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, זָאג אִיר אַז אַלֶע נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן.

מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין מִיט צַדִּיקִים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִּי וָואךְ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין מִיט צַדִּיקִים. דֶערְצֵייל זֵיי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט וֶועם עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע גִלְגּוּלִים, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייט פוּן מִדְבָּר. הָאט אִים זַיין אֵיינִיקְל, דֶער הֵיילִיגֶער יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - גֶעפְרֶעגְט: ״זֵיידֶע, אוֹיף וֶועמֶעְנ׳ס זַייט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיי דִי מַחֲלֹקֶת פוּן קֹרַח וַעֲדָתוֹ?״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער זַייט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין צַד״, הָאט דֶער יֵיטֶב לֵב גֶעפְרֶעגְט: ״וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?!״ הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס דֶער נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען; קֹרַח הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַלֶע רֶבִּי׳ס מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע אִידְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, וַוייל קֹרַח הָאט זִיךְ אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אַפִּיקוֹרֶס״.

דֶערְצֵייל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער וִוי מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ הַאלְטְן בַּיי צַדִּיקִים, אוּן אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן מַאכְן טָעוּתִים מִיטְן רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים. מוֹהֲרַ״אשׁ דֶערְצֵיילְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכא), דֶער שְׁוֶוער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָּוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט פָארְן צוּ צַדִּיקִים, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם צַדִּיק, אָבֶער עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס דִי חֲסִידִים דָארְט רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל גֵיין צוּם צַדִּיק רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוּבֶער

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ער וויל זען וואס דארט טוט זיך. ווען ער איז אָנְגֶעקוּמֶען צו רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און צוגעזען זיין עֲבוֹדָה איז אים זייער געפאלן זיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶער עס האט אים זייער געשטערט צו הערן פון זיינע חֲסִידִים לֵיצָנוּת אויף רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; ער האט געזען אַז דער איז אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט מִיט זיינע מענטשן וְכוּ׳ און דער איז אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט מִיט זיינע מענטשן, האט ער אויפגעהערט צו גיין צו צַדִּיקִים און ער האט אָנְגֶעהוֹיבְּן רעדן קעגן אַלֶע צַדִּיקִים. ער פלעגט יעדן טאג מַאכְן אַ סְעוּדָה מִיט זיינע קינדער און זיי אָנְגֶעווארענען זיי זאלן נִישְׁט האבן צוטון מִיט צַדִּיקִים, און ווען רֶבִּי נָתָן האט חֲתוּנָה געהאט פלעגט ער אויך מִיט האלטן די סְעוּדוֹת און הערן פֶּעךְ און שְׁוֶועבְל אויף צַדִּיקִים.

דאס האט זייער שטארק געשטערט פאר רֶבִּי נָתָן, פארוואס רעדט מען אויף צַדִּיקִים? וואס איז די מַחֲלֹקֶת, וואס פעלט דאס אויס? און ווען ער איז געקומען דעם ערשטן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צום רֶבִּי׳ן, האט ער געהערט די תּוֹרָה וואס דער רֶבִּי האט געזאגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ה), דעמאלט איז אים פארענטפערט געווארן די שטארקע קַשְׁיָא וואס האט אים לאנגע יארן געשטערט, דער רֶבִּי זאגט דארט: "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דו דארפסט גלייבן אַז אַלֶע מַחֲלֹקֶת וואס איז דא צווישן די צַדִּיקִים איז נאר ווייל מען וויל דיך פארטרייבן פון זיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ", ווען דו הערסט רעדן אויף צַדִּיקִים זאלסטו וויסן אַז דאס איז נאר ווייל מען וויל דו זאלסט תְּשׁוּבָה טון אויף וואס דו האסט פוגם געווען; רֶבִּי נָתָן האט געזאגט: "ווען איך האב געהערט די תּוֹרָה פון רֶבִּי׳ן איז מיר גלייך פארענטפערט געווארן פארוואס מען רעדט אויף צַדִּיקִים און מען קריגט זיך הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, נאר מיך צו פארטרייבן, אַז איך בין נִישְׁט רָאוּי צו זיין צווישן זיי".

ביי דיין שַׁבָּת טִישׁ זאל מען רעדן שטענדיג פון אֱמוּנַת חֲכָמִים, באק אריין אין דיינע קינדער אַז מען לעבט מִיט צַדִּיקִים איז גוט, און אַז מען מאכט חוזק פון צַדִּיקִים – איז זייער בִּיטֶער.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

...